פרשת
משפטים
שנת תשפ"ה

גליון כ'

# בהיכלא דמלכא

א טויער צום היכל
פונעם דרך החסידות

מתוך שיעוריו ושיחותיו של **האדמו"ר מקאסוב זצ"ל**

## 'הֲלֹא עַל כִּי אֵין אֱלֹקַי בְּקִרְבִּי' (ב)

### גלייבן אינעם "כוח הנשמה" וואס דער מענטש האט אין זיך

פארוואס שפירן מיר נישט אלעמאל די השגחה עליונה? | **דער מענטש ברענגט אויף זיך די הסתר פנים** | דער אויבערשטער דערווייטערט זיך קיינמאל נישט | **ביים אויבערשטן איז נישט שייך אז די געפילן טוישן זיך** | ביי מענטשן איז שייך א צווייזייטיגער ריחוק | **קרבת אלוקים איז געוואנדן אין אונזערע מחשבות** | מעשיך יקרבוך ומעשיך ירחקוך | **נאכן זינדיגן איז דער צייט צו זאגן "יש אלקי בקרבי"** | די הסתר פנים איז א סיגנאל און נישט קיין מציאות | **מען קען אלעמאל צוריקקומען צום אויבערשטן** | דער אויבערשטער וויל טאקע דווקא 'דיין עבודה'

## ארייינפיר

אינעם פריערדיגן גליון האבן מיר ארומגערעדט איבער דעם ענין פון פאלשער ענווה, אז א מענטש מוז גלייבן אין זיין כוח אלוקות וואס ער האט, ער דארף אנערקענען אינעם כוח וואס ער האט, און גלייבן אז ער קען באקומען השגות סאך העכער ווי זיינע נאטירליכע כוחות. און דאס גייט געבונדן מיט "ביטול", ווייל די נשמה איז נישט קיין אייגענע גשמיות'דיגע זאך וואס א מענטש שטאלצירט מיט דעם, נאר אדרבה, דאס איז דער העכערער כוח וואס דער אויבערשטער האט אים ספעציעל געגעבן זיך צו קענען מדבק זיין צו אים.

מיר האבן אויך אויסגעפירט אז זה לעומת זה, וואס מער א מענטש איז זיך מדבק צום באשעפער, ער איז זיך מתבונן אין זיין נשמה וואס איז א חלק אלוקי ממעל, און ער איז מקיים די תורה ומצוות מיט דער הבנה אז זיין גאנצער ציל איז צו ברענגען א נחת רוח פאר'ן אויבערשטן, אלץ מער איז ער זוכה אז מען שיקט אים אראפ העכערע השגות, און ער באקומט א טיפערן און מער געטליכן שכל, וואס גיט אים א טיפערן פארשטאנד אין תורה און א העכערע דערהויבנקייט אין מצוות.

מיר וועלן דא ממשיך זיין אין דעם וויכטיגן ענין, און אויסברייטערן צו א וויכטיגער נקודה, צו פארשטיין וויאזוי דאס אז א מענטש אנערקענט אין זיין רוחניות'דיגן כוח וואס ער פארמאגט, האלט אים נאנט צום אויבערשטן, און אויב מען גייט צו צו עבודת ה' אויף דעם אופן, דאן אפילו אויב ער פאלט דורך און ער ווערט דערווייטערט פונעם אויבערשטן וועט ער קענען תשובה טון און זיך צוריקקערן צום אויבערשטן. אבער דאס קען צוגיין נאר מיט'ן גלייבן אין די אייגענע כוחות, וואס דאן באקומט מען פון הימל נאך און נאך כוחות אן קיין גרעניץ.

## א

## ווען א מענטש ברענגט זיך אן א הסתר פנים

### טראכט פונעם אויבערשטן וועסטו זען דעם אויבערשטן

מיר ווייסן אלע אז די וועלט ווערט געפירט מיט השגחה פרטית, און דער אויבערשטער אליין איז משגיח אויף יעדן בריה און אלעס ווערט נאר געטון דורכ'ן אויבערשטן, ווי דער מאמר חז"ל (חולין ז:), "אין אדם נוקף אצבעו מלמטה עד שיכריזו עליו מלמעלה" – א מענטש רירט נישט דאס פינגער דא אונטן אויף דער וועלט, ווילאנג מען רופט נישט אויס אויבן אין הימל.

דא שטעלט זיך אבער די שאלה, אז אויב דער אויבערשטער איז שטענדיג דא מיט אונז, און ער האלט א שטענדיגע השגחה אויף אונז, **פארוואס שפירן מיר דאס נישט כסדר?** אדרבה, אסאך מאל שפירט מען גאר ווי מען איז דערווייטערט פונעם באשעפער, מען פילט א גרויסע הסתר פנים, ווי כאילו חלילה דער אויבערשטער האט אונז פארלאזט?

דער הייליגער רמב"ם (מורה נבוכים ח"ג פרק נ"א) לערנט אונז אויס א געוואלדיגן יסוד: דער שכל פונעם מענטש איז דאס וואס באהעפט צווישן דעם מענטש מיט'ן אויבערשטן. וויפיל א מענטש האלט דעם אויבערשטן ביי אים אויפ'ן געדאנק, אזויפיל השגחה באקומט ער צוריק פונעם

**אפילו ווען א מענטש איז אנגעקומען אין א שפל המצב אז ער האט געדינט עבודה זרה ר"ל, קען ער אליין מחליט צו זיין צי עס גייט יעצט קומען א הסתר פנים אדער נישט.**

אויבערשטן. איינער וואס דער אויבערשטער ליגט אים שטענדיג אויפ'ן געדאנק איז זוכה צו א שטענדיגער השגחה פונעם אויבערשטן, משא"כ איינער וואס טראכט נישט שטענדיג פונעם אויבערשטן ווערט נאר זען די השגחה בשעת ווען ער טראכט יא פונעם אויבערשטן.

זאגט דער רמב"ם: "והרשות נתונה לך", יעדער האט די בחירה אליין צו באשליסן וויפיל נאנטקייט ער זאל שפירן פונעם אויבערשטן. אויב באהעפט מען מער דעם שכל צום אויבערשטן ווערט מען פילן מער נאנטקייט, אבער אויב טראכט מען וויניגער פונעם אויבערשטן און מען ווערט איינגערעדט אז די וועלט ווערט געפירט דורך דער טבע און מען פארלאזט זיך אויף אנדערע סיבות, ווערט מען אויטאמאטיש שפירן א שוואכערע נאנטקייט פונעם אויבערשטן.

ברענגט דער רמב"ם א ראיה פון א פסוק אין פרשת וילך: "**וְאָמַר בַּיּוֹם הַהוּא הֲלֹא עַל כִּי אֵין אֱלֹקַי בְּקִרְבִּי מְצָאוּנִי הָרָעוֹת הָאֵלֶּה**", די תורה זאגט אז עס גייט קומען א "הסתר פנים" און ביטערע צרות, און דער מענטש וועט דעמאלט זאגן, "ווייל דער אויבערשטער איז נישט אין מיר האט מיר באטראפן די ביטערע צרות."

אז מען לערנט פשוט פשט, זאגט דא די תורה אז צוליב די שרעקליכע עבירות וואס די אידן גייען טון זייענדיג אין ארץ ישראל – אז זיי גייען ח"ו גיין דינען עבודה זרה – וועט קומען א "הסתר פנים", כביכול דער אויבערשטער גייט באהאלטן זיין השגחה פון זיי, און עס וועלן קומען אויף זיי ביטערע שווערע צרות, און דעמאלט וועט דער איד זאגן צו זיך, "דאס איז מיר געקומען, ווייל איך האב זיך ליידער אפגעריסן פונעם אויבערשטן."

## די שווערע געפילן נאך אן עבירה ברענגט די הסתר פנים

לערנט אבער דער רמב"ם פשט אין פסוק אנדערש: "**ואמר ביום ההוא הלא על כי אין אלקי בקרבי**" איז נישט דער פועל יוצא וואס גייט געשען צוליב דער הסתר פנים, אז ווייל דער איד וועט זיך זען אין א הסתר פנים וועט ער זיך כאפן און אנערקענען אז דאס איז אים געקומען צוליב זיינע עבירות; נאר פונקט פארקערט, **דאס איז טאקע די סיבה פאר דער הסתר פנים** וואס איז געקומען.

ווייל אפילו ווען מען איז אנגעקומען אין אזא שפל המצב אז ער האט געדינט עבודה זרה ר"ל, ליגט ביי אים אין די הענט מחליט צו זיין צי עס גייט יעצט קומען א הסתר פנים אדער נישט. אויב וועט ער אפילו אין אזא נידריגן מצב געדענקען אז פונדעסטוועגן "**יש אלקי בקרבי**", זיין חלק אלוקי ממעל איז נישט אפגעריסן פון אים, וועט ער "באמת" שפירן אז דער אויבערשטער איז נאך געבליבן נאנט מיט אים, און אז זיין השגחה, טראצדעם וואס ער איז אזוי שווערליך דורכגעפאלן, עקזיסטירט נאך ווייטער, ממילא וועט ער פארשטייט זיך טון אלעס צוריקצוקומען נענטער צום אויבערשטן.

קומט דא דער פסוק זאגן, אז דער וואס האט געדינט עבודה זרה האט נישט אזוי געטראכט, נאר נאך וואס ער איז ליידער דורכגעפאלן מיט דער הארבער עבירה האט ער זיך געגעבן א טראכט, 'דאס איז עס! דער אויבערשטער איז שוין נישט מיט מיר... זיין השגחה איז שוין זיכער נישט אזויווי ביז היינט.' און טאקע דערפאר, ווייל ער טראכט אזוי, "והסתרתי פני מהם" – וועט ער זיך אנטרעפן אין א הסתר פנים, כאילו דער אויבערשטער באשטעטיגט, "וואס זאגסטו? אז איך נעם אראפ מיין השגחה פון דיר? נו, אויב אזוי, וועט טאקע זיין א הסתר פנים..."

און אזוי לערנט דער הייליגער רמב"ם פשט אין פסוק: וויסט פארוואס די אלע צרות זענען געשען? **נישט "ווייל" דו האסט געדינט עבודה זרה**, ווייל אויף דעם אליין וואלטסטו נאך געקענט תיכף ומיד תשובה טון און זיך צוריקקערן צום אויבערשטן, נאר ווייל נאכ'ן דינען עבודה זרה האסטו געזאגט, "**הלא על כי אין אלקי בקרבי**" – אז דער אויבערשטער איז שוין נישט אין דיר. אט 'די מחשבה' האט דיך דערווייטערט פונעם אויבערשטן, און צוליב דעם איז געקומען אזא שווערע הסתר פנים. [זע תוספת נופך אות א']

פון דעם ברענגט דער רמב"ם א ראיה, אז "דער שכל" פונעם מענטש טוט באשטימען ווי נאנט ער זאל זיך פילן צום אויבערשטן. אויב האלט ער דעם אויבערשטן אויף זיין געדאנק, וועט ער שפירן א נאנטקייט צום אויבערשטן. אויב אבער פארגעסט ער פונעם אויבערשטן, ער טראכט נישט אז ער האט דעם אויבערשטנ'ס השגחה, וועט ער דאס באמת שפירן! און ער 'איז זיך אליינס שולדיג' אין דער הסתר פנים, ווייל אויב ער וואלט אינזין געהאט דעם אויבערשטן אפילו אין אזא שפל המצב, וואלט ער מיט דעם אליין געקענט פארמיידן אז ער זאל נישט שפירן קיין הסתר פנים.

ב

# די אהבה פונעם אויבערשטן בלייבט אלץ די זעלבע

## א מענטש טוישט זיינע געפילן כלפי אנדערע

עס איז א פשוט'ע זאך אז ביים אויבערשטן אליין איז נישטא קיין שום שינוי פון איין מינוט צו דער צווייטער, פון איין מענטש צום צווייטן, אדער פון איין מצב צום צווייטן. עס איז נישט שייך אזא סארט זאך אז זיין אהבה זאל זיך טוישן לויט א געוויסער מציאות, לויט געוויסע סארט מענטשן אדער לויט געוויסע זמנים. **די אלע שינויים וואס מיר קענען זענען נאר שייך ביי אונז מענטשן,** לויט די אומשטענדן אין וואס מיר טרעפן זיך אן אין לעבן.

און ווייל יעדער בשר ודם איז אויסגעשטעלט לויט שינויים, טוישן זיך אויך זיינע מידות און באציאונגען צו אנדערע. ווען איינער טשעפעט אים, "טוישט זיך" זיין

ליבשאפט צו יענעם, און אפילו אויב ער וועט אים נישט אויסטערליש פיינט האבן צוליב דעם, וועט אבער זיין אהבה צו יענעם עטוואס וויניגער ווערן, משא"כ אויב איינער וועט אים א טובה טון, וועט זיין ליבשאפט צו יענעם זיכער היפש וואקסן.

צוליב דעם פילט א מענטש צומאל "נענטער" צו זיינע עלטערן אדער געשוויסטער אדער חברים, און צומאל אביסל ווייטער. דאס איז זייער לאגיש און נאטירליך, ווייל סוף כל סוף פארט דאס לעבן פון א מענטש קיינמאל נישט אויף א גלייכער ליניע. ביי יעדן בשר ודם זענען שטענדיג דא זאכן וואס טוישן זיך, וואס האט אן אויטאמאטישע השפעה אויף זיינע געפילן. איינער וואס פילט געטראפן פון א צווייטן, וועט דאס געווענליך גלייך משפיע זיין אויף זיין נאנטשאפט מיט יענעם וואס האט פוגע געווען אין אים.

אבער וויבאלד **ביי אלע מענטשן** טוישן זיך די מצבים, יעדער איינער לויט זיינע אומשטענדן, איז די נאנטקייט און ליבשאפט צווישן איינעם מיט'ן צווייטן געבונדן **אין אלע ביידע**. אויב צוויי חברים האבן זיך צעקריגט, איז געווארן א "ריחוק" ביי זיי **ביידע**. יעצט איז נישט גענוג אז איינער וויל צוריק מאכן א נאנטקייט, ווייל דער צווייטער דארף פונקט אזוי וועלן צוריק אויפפרישן אין הארצן זיין ליבשאפט צו יענעם, און אויב איינער פון זיי האלט זיך ווייט קען נישט דער צווייטער זיך צוריק פאראייניגן מיט אים ווילאנג יענער האלט זיך נאך ווייט.

## די נאנטקייט פונעם אויבערשטן טוישט זיך קיינמאל נישט

דא קומט דער געוואלדיגער דערהער פונעם הייליגן רמב"ם אינעם מושג פון "הסתר פנים", אז ביים רבונו של עולם זענען נישטא קיין שינויים. דער גאנצער שינוי פון נאנטקייט און ווייטקייט איז געווענדן נאר **אינעם מענטש** אליין, ווייל ביים אויבערשטן **איז דאך נישט שייך קיין שינוי**.

> ווייסטו פארוואס די אלע צרות זענען געשען? נישט "ווייל" דו האסט געדינט עבודה זרה, נאר ווייל נאכ'ן דינען עבודה זרה האסטו געזאגט, "הלא על כי אין אלקי בקרבי".

אין די פריערדיגע גליונות האבן מיר שוין אויסגעשמועסט אז ביים אויבערשטן אליין, אינעם שורש העליון, איז נישטא קיין שום שינוי. **עס איז ח"ו נישט שייך קיין מציאות אז ער זאל טוישן זיין "מיינונג" אדער זיין "הנהגה" לויט א געוויסער צייט אדער מצב,** ווייל דער אויבערשטער איז שלם בתכלית השלימות וואס עס איז נאר שייך, און איז נישט אנגעהאנגען ח"ו אין קיין שום סיבה. ביים רבונו של עולם איז נישט פארהאן קיין שום באגרעניצונג ווי צייט, פלאץ אדער מצב. די אלע סארט שינויים האט ער נאר באשאפן אין דער וועלט וואס מיר קענען, און ער אליין איז העכער יעדן סארט הגבלה.

די אלע שינויים וואס מיר קענען צווישן מידת הדין און מידת הרחמים, איז נאר אין דער הנהגה מיט וואס דער אויבערשטער פירט די וועלט, אבער דאס איז זיכער אז **ביים אויבערשטער אליין איז נישטא קיין שום מציאות פון שינוי**. ער איז "טוב" אויף אייביג, ער איז "רחום וחנון" אויף אייביג. דער אויבערשטער אליין, ווי אויך די מידות מיט וואס מיר רופן אים אן, האבן זיך קיינמאל נישט געטוישט, און וועלן זיך קיינמאל נישט טוישן, אין סיי וועלכן זמן אדער מצב וואס טוישט זיך "ביי אונז" מענטשן.

ווען א איד זינדיגט ח"ו, איז געווארן א שינוי נאר **אינעם מענטש אליין**. ער האט זיך מיט דעם דערווייטערט פון זיין הייליגן שורש, און פארטונקלט דעם אור פון זיין הייליגע נשמה. אודאי קוקט אים אויס אז דער אויבערשטער איז יעצט ווייט געווארן פון אים, אבער דאס איז באמת ווייל "ער" איז ווייט געווארן. ווייל ווי געזאגט איז ביים רבונו של עולם אליין נישטא קיין שום שינוי. [זע תוספת נופך אות ב'] זיין אומבאגרייפליכע ליבשאפט וואס ער האט צו אידישע קינדער טוישט זיך נישט אין קיין שום מצב, און זיין גלוסטעניש צו א איד'ס עבודה וועט קיינמאל נישט ווערן שוואכער אין קיין שום פאל. (דברי חיים פרשת החודש ד"ה במדרש פרשת בא; פירוש אלשיך דברים כ"ג; שערי רמח"ל עמוד ל"ב; חסד לאברהם ויקרא ד"ה נפש; שפת אמת פסח תרמ"ז ד"ה בענין הפרש)

## דו האסט זיך דערווייטערט

מיר קענען דאס פארשטיין מיט א משל פון א מענטש האט געוואלט פארן באזוכן זיין טאטן וואס האט זיך געפונען אויף זייער א ווייט פלאץ, וואס עס האט געדויערט זייער לאנג אנצוקומען דארט. זיין טאטע האט אים פון פאראויס געגעבן גענויע אנווייזונגען פינקטליך וואו דער פלאץ איז, און דעם בעסטן און שנעלסטן וועג וויאזוי ער קען אנקומען אהין.

אינמיטן וועג האט זיך געדוכט פאר'ן זון אז ער פארשטייט בעסער ווי זיין טאטן, ער קען דעם וועג און ער ווייסט אליין וואו צו פארן, און אנשטאט צו פארן לויט זיין טאטנ'ס אנווייזונגען איז ער געפארן אנדערש. ווען ער האט זיך ענדליך געכאפט אז ער בלאנדזשעט, האט ער שוין געהאט פארקראכן אין א פוסטן ליידיגן שטח פול מיט זומפ און בלאטע, פון וואו ער האט נישט געקענט ארויסקריכן, האט ער אנגערופן צו זיין טאטן דערציילן וואס דא גייט פאר.

ווען זיין טאטע האט געהערט אין וועלכער ריכטונג ער איז געפארן, האט ער אים אויפגעמערקט, **"אוי, דו ביסט יעצט מורא'דיג ווייט אוועק פון מיר**, נאך אסאך ווייטער ווי דו ביסט געוועזן איידער'ן ארויספארן אויפ'ן וועג. יעצט דארף מען רופן ספעציעלע הילף ארויסצושלעפן דעם וואגן פונעם זומפ, און עס וועט נאך נעמען א לאנגע צייט ביז מיר וועלן זיך קענען טרעפן."

ווי נאריש דארף דער זון זיין צו טראכטן, 'מיין טאטע גיסט מיר דא זאלץ אויף די וואונדן. אנשטאט רחמנות צו האבן אויף מיר, זאגט ער גאר אז **ער איז יעצט נאך ווייטער פון מיר**. יעצט אז איך בין אריינגעפאלן אין א בלאטע און איך בין אין א שווערן מצב, זאגט ער אז עס וועט נאך נעמען פיל לענגער

> ווען א איד איז מכיר אז זיין חלק אלוקי ממעל בלייבט געטריי דער זעלבער אפילו נאכ'ן זינדיגן, וועט ער זיך קיינמאל נישט שפירן קיין פארפאלענער.

ביז מיר וועלן זיך טרעפן. איך פארשטיי נישט, פארוואס האט ער זיך דערווייטערט? וואס האב איך שוין געטון? ווייל איך בין איך געפארן אנדערש ווי ער האט געזאגט דארף ער זיך אזוי דערווייטערן?!'

דאס איז דאך זייער נאריש געטראכט, ווייל דער טאטע האט טאקע באמת רחמנות אויפ'ן קינד, און ער ווארט שוין קוים אים צו קענען זען, און עס טוט אים זייער וויי אז יעצט וועט דויערן פיל לענגער ביז ער וועט זיך קענען זען מיט זיין באליבטן זון. נאר **למעשה איז דער זון פארפארן פון דעם וועג**, און ער האט זיך געטראפן אין א פראבלעם, און עס וועט דויערן א ווייל'ע ביז מען וועט זיך ארויסזען פון דער פראבלעם.

וואס איז דער ריכטיגער מהלך צו טראכטן אין דעם פאל?

יא, דער וועג האט זיך היפש פארלענגערט, און זיין טאטע איז טאקע ווייט געווארן פון אים, אבער דאס איז דאך בכלל נישט וועגן דעם טאטן. זיין טאטע איז געבליבן אויפ'ן זעלבן פלאץ, מיט דער זעלבער ליבשאפט ווי פריער; נישט נאר דאס, **באמת איז ער דאך נאנט מיט אים, ער רעדט דאך צו אים**, און מיט דער גרעסטער פאטערליכער זארג מערקט ער אים אויף, "קינד מיינס, גיי צוריק אויפ'ן ריכטיגן וועג, און אזוי וועלן מיר צוריק נענטער ווערן. איך וויל דיר דאך זען, איך וויל דו זאלסט ענדליך אנקומען צו מיר!"

אויב דער זון האט שכל נעמט ער עס אן ריכטיג, ער טראכט נישט אז זיין טאטע דערווייטערט זיך פון אים, נאר פונקט פארקערט, ער ווערט מלא שמחה אז זיין טאטנ'ס הארץ גייט אויס צו אים און ער וויל אים צוריק ארויפנעמען על דרך המלך און אים ארויסהעלפן וויאזוי ער זאל קענען אנקומען צו אים, אפילו ער האט אים ליידער נישט געפאלגט און נישט געפארן לויט זיינע אנווייזונגען און מיט דעם זיך נאר דערווייטערט פון אים.

און דאס איז דאך דער ריינער אמת. זיין טאטע האט אים באמת זייער ליב, און גייט אויס אים צו האבן נעבן זיך. און ווען דער זון נעמט דאס אין אכט, פאלגט ער די נייע אנווייזונגען, ער גייט טאקע דורך דעם פראצעדור זיך ארויסצוזען פון דער בלאטע, און ער שפירט זיך גליקליך אז ער האט נאך די מעגליכקייט אנצוקומען צו זיין טאטן, אפילו דער וועג איז יעצט פיל מער קאמפליצירט ווי פריער, ווייל סוף כל סוף שטייט דער טאטע און ווארט אויף אים, פונקט ווי פריער, און סוף כל סוף וועט ער אנקומען צו אים.

## דער רבש"ע האט זיך קיינמאל נישט דערווייטערט

דעם נמשל פארשטייט יעדער אליין. דער אויבערשטער האט באשאפן דעם איד אויף דער וועלט פאר זייער א קלארן ציל, מגלה צו זיין דעם אור פונעם אויבערשטן אויף אונזער נידריגער וועלט, און אזוי זאל ער דערנענטערן זיין גשמיות'דיגן 'יש' צום רוחניות'דיגן 'אין', ווי מיר האבן שוין ברייט אויסגעשמועסט אין די פריערדיגע מאמרים. ער האט אונז געגעבן זייער א קלארע תורה, וואס די "תורה" איז פון דעם לשון "מורה" (זוה"ק מצורע נג:), ווייל דאס איז אונזער מורה דרך, צו ווייזן "את הדרך ילכו בה ואת המעשה אשר יעשון", כדי א איד זאל טאקע אנקומען צום ציל צו טון דעם רצון הבורא מיט'ן גאנצן הארץ. ער זאל אויפטון אויף דער וועלט וואס ער דארף אויפטון, און זיך צוריקקערן צום אויבערשטן מיט א ריינער נשמה. (מגיד דבריו ליעקב אות פ"ו; עבודת ישראל אבות פ"ו מ"א).

יעצט אפילו אויב דער מענטש פארקריכט אינמיטן וועג ח"ו, ער פארט אנדערש ווי "זיין טאטע" ווייזט אים, **איז די גאנצע פראבלעם "נאר אינעם מענטש אליין"**. ער דערווייטערט זיך יעצט פון זיין ציל. און ווען דער אויבערשטער שיקט אים א סיגנאל אז ער האט זיך דערווייטערט, ער שטראפט אים ח"ו, שטימט אוודאי נישט צו טראכטן חלילה אז "דער אויבערשטער האט זיך דערווייטערט פון אים"...

דער ריינער אמת איז דאך פונקט פארקערט. אפילו אין דער יעצטיגער מינוט וואס ער פארקריכט ליידער, שטייט ווייטער דער אויבערשטער מיט דער גרעסטער מאס ליבשאפט און "רעדט מיט אים". אפילו דארט, אויף דעם פלאץ וואו ער איז ליידער פארקראכן, גיט ער אים נייע אנווייזונגען וויאזוי זיך צוריקצוקערן צו זיין ריכטיגן ציל, און – ער ווארט אויף אים!

ווען א איד האט דעם ריכטיגן שכל, און ער ווייסט אז זיין טאטע האט זיך באמת קיינמאל נישט דערווייטערט פון אים; פונקט פארקערט, דער טאטע אין הימל, דער "אבינו אב הרחמן", האט אים באמת זייער ליב און גייט ממש אויס אים צו זען נענטער צו זיך, **אפילו** ער איז ליידער נישט געפארן לויט זיינע אנווייזונגען און כאטש וואס דער איד האט זיך ליידער דערווייטערט פונעם אויבערשטן; דאן ווערט ער מלא שמחה, און שפירט זיך גליקליך אז ער האט די מעגליכקייט צוריק נאנט צו ווערן צום טאטן, מיט'ן פאלגן די נייע אנווייזונגען פון תשובה טון.

און ווען מען אנערקענט אין דעם ריינעם אמת, שפירט מען בכלל נישט קיין הסתר פנים, אפילו דער וועג פון תשובה איז היפש לענגער און שווערער געווארן, ווייבאלד מען ווייסט אז טאקע דאס קומט פון "פאטערליכער ליבשאפט". דער אויבערשטער ברוב רחמיו גיט די געלעגנהייט פאר א איד וואס האט זיך ח"ו דערווייטערט פון אים, כדי מכפר צו זיין אויף זיינע עוונות און זיך צוריקקערן צום ריכטיגן דרך הישר, וואס דאס איז דאך דער תכלית הבריאה. און טאקע דאס ווייזט ווי שטארק דער אויבערשטער ווארט אויף אים און גלוסט צו זיין עבודה (קדושת לוי פרשת כי תצא ד"ה כתיב אם תשוב אלי תשוב; באר מים חיים וארא ד"ה ויאמר ה' אל משה).

ג

# יש אלקי בקרבי

## ס'איז נישט קיין הסתר פנים, ס'איז א סיגנאל

אפילו ווען א איד טרעפט זיך ליידער אין א נידריגן מצב, ווי למשל אז ער האט געדינט עבודה זרה רח"ל, ווי אויבנדערמאנט, דאך אבער לערנט אונז דער הייליגער רמב"ם אז דער באשעפער בלייבט דאס זעלבע נאנט צו אים ווי פריער, ווייבאלד ביים אויבערשטן זענען דאך נישטא קיין שום שינויים. דער מענטש האט זיך טאקע דערווייטערט פונעם אויבערשטן מיט זיינע מעשים, אבער דער אויבערשטער האט זיך חלילה נישט דערווייטערט פון אים, און **ווען ער שטראפט דעם מענטש איז עס**

> **דאס זאגן 'אין אלקי בקרבי' איז בכלל נישט קיין חרטה; פונקט פארקערט, דאס איז דער חורבן און דאס ברענגט די הסתר פנים.**

**נישט קיין הסתר פנים, נאר א סיגנאל: קום צוריק!**

און אפילו ווען א איד הייבט אן שפירן די הסתר פנים, און ער זעט שוין איין אז דער מצב טויג נישט ווייל ער איז פארקראכן אין א בלאטע, אפילו דעמאלט רעדט דער אויבערשטער צו אים, און זאגט אים, **"קינד מיינס, קום צוריק צו מיר! איך ווארט אויף דיר! איך וויל זען וויאזוי דו דרייסט אויס דאס רעדל און הייבסט אן צו פארן אויפ'ן ריכטיגן וועג! אוודאי איז דער וועג יעצט לענגער און שווערער, אבער דאס איז יעצט דער וועג זיך צוריק צו דערנענטערן צו מיר, און דאס גלוסט איך!"**

ווען א איד אנערקענט אין דעם אז **"יש אלקי בקרבי"**, דער אויבערשטער איז שטענדיג דא מיט'ן איד, נישט קיין חילוק ווי נידריג ער איז שוין געפאלן און ווי טיף ער איז פארקראכן; דאן שפירט ער נישט קיין הסתר פנים. אפילו אויב דער וועג צוריק איז לאנג, ביטער און שווער, וועט אים נישט קומען אויפ'ן געדאנק אז דער אויבערשטער וויל אים נישט האבן; אדרבה, ער וועט זיך נאר פילן גליקליך אז מיט יעדן טריט ווערט ער נענטער צום אויבערשטן, און ער וועט באמת ווערן אלץ נענטער און נענטער.

פארוואס איז געווארן אזא מין הרגשה פון **"והסתרתי פני מהם"**? נאר בלויז וועגן איין-איינציגער סיבה: ווייל ער האט זיך נעבעך איינגערעדט אז זיין טאטע האט זיך דערווייטערט פון אים, דער יצר הרע האט אים באוויזן איבערצוצייגן חלילה אז "אין אלקי בקרבי", ממילא האט ער טאקע **אנגעהויבן צו שפירן** א הסתר פנים. הייב אן צו זאגן **"יש אלקי בקרבי"**, וועסטו נישט שפירן קיין שום הסתר פנים נישט.

# תוספת נופך

**א]** זע די הייליגע ווערטער פון הרה"ק רבי ר' בונם פון פרשיסחא זי"ע ווי עס ווערט געברענגט אין ספה"ק שם משמואל נצבים תרע"ז:

"הִנֵּה כְּתִיב (דברים לא, יז-יח) וְאָמַר בַּיּוֹם הַהוּא עַל כִּי אֵין אֱלֹקַי בְּקִרְבִּי מְצָאוּנִי הָרָעוֹת הָאֵלּוּ, וְאָנֹכִי הַסְתֵּר אַסְתִּיר פָּנַי' וְגוֹ', וְהִקְשׁוּ הַמְפָרְשִׁים הֲלֹא מַאֲמָרָם 'עַל כִּי אֵין אֱלֹקַי בְּקִרְבִּי מְצָאוּנִי הָרָעוֹת הָאֵלֶּה' הֲוֵי וִדּוּי עַל חַטָּאתָם, וְלָמָּה עוֹד יַסְתִּיר פְּנֵי רַחֲמָיו מֵהֶם. וּפֵרַשׁ הרה"ק הָרַבִּי ר"ב זצללה"ה מִפְּרְשִׁיסְחָא, שֶׁמַּאֲמָרָם 'עַל כִּי אֵין אֱלֹקַי בְּקִרְבִּי' **זֶה עַצְמוֹ הוּא חַטָּא**. שֶׁהֵם חָשְׁבוּ עַצְמָם שֶׁהֵם נִדְחוּ מִפְּנֵי הַקֹּדֶשׁ, וְזֶה גּוֹרֵם יֵאוּשׁ וְהִתְרַשְּׁלוּת, **אֲבָל בֶּאֱמֶת אֵין הַדָּבָר כֵּן**, וְאַף עַל פִּי שֶׁחָטָא יִשְׂרָאֵל הוּא (סנהדרין מד.), וּכְתִיב (במדבר לה, לד) 'כִּי אֲנִי ה' שׁוֹכֵן בְּתוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל', וְאָמְרוּ זַ"ל (ספרי שם), **אַף עַל פִּי שֶׁהֵם טְמֵאִים שְׁכִינָה שְׁרוּיָה בֵּינֵיהֶם, אֶלָּא שֶׁהִיא בְּהַסְתָּרַת פָּנִים וְאֵינָהּ נִגְלָה**. וְזֶה שֶׁסִּיֵּם הַכָּתוּב 'וְאָנֹכִי הַסְתֵּר אַסְתִּיר', הַיְנוּ, שֶׁלֹּא כֵּן כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ אֶלָּא 'וְאָנֹכִי הַסֵּתֶר אַסְתִּיר'."

**ב]** זע דאס הייליגע לשון פון הרה"ק רבי דוד'ל טאלנער זי"ע אין ספה"ק מגן דוד (שבת תשובה ד"ה האזינו השמים) וזל"ק:

"וְאִם הָאָדָם הוֹלֵךְ ח"ו אַחַר תַּאֲוַת רָעוֹת וְאֵינוֹ מְשַׁבֵּר אֶת לְבָבוֹ, ע"י זֶה נַעֲשֶׂה חָלִילָה בְּחִינַת מַסְכִים הַמַּבְדִּילִים בֵּינוֹ לְבֵין הוי"ה בָּרוּךְ הוּא, וּמִתְפָּרֵד הַיִּחוּד כִּבְיָכוֹל ח"ו, כִּי בֶּאֱמֶת 'אֲנִי הוי"ה לֹא שָׁנִיתִי' (מלאכי ג, ו), כְּמוֹ קֹדֶם שֶׁבָּרָא הָעוֹלָם כְּמוֹ כֵן אַחַר שֶׁבָּרָא הָעוֹלָם **וְאֵין דָּבָר נִפְרָד מֵאִתּוֹ יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ, רַק הָאָדָם ע"י קִלְקוּלוֹ וַעֲוֹנוֹתָיו הוּא מוֹשֵׁךְ אֶת עַצְמוֹ אֶל בְּחִינַת רַע**, בִּבְחִינַת 'כִּי אִם עֲוֹנֹתֵיכֶם הָיוּ מַבְדִּילִים בֵּינֵיכֶם לְבֵין אֱלֹקֵיכֶם' (ישעיה נט, ב).

זע אויך דאס לשון פונעם צמח צדק זי"ע אין ספה"ק אור התורה (שיר השירים ד"ה דומה דודי) וזל"ק:

הִנֵּה פָּסוּק זֶה קָאֵי עַל זְמַן הַגָּלוּת שֶׁאָמְרוּ רז"ל בפרק ה' דִּבְרָכוֹת שֶׁמִּשֶּׁחָרַב בֵּית הַמִּקְדָּשׁ מְחִצָּה שֶׁל בַּרְזֶל מַפְסֶקֶת בֵּין יִשְׂרָאֵל לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם, וְנִקְרָא מְחִצָּה זֶה כָּתְלֵנוּ, עַל דֶּרֶךְ מָה שֶׁנֶּאֱמַר (ישעיה נט, כ) 'עֲוֹנוֹתֵיכֶם מַבְדִּילִים בֵּינֵיכֶם וּבֵין אֱלֹקֵיכֶם', שֶׁהַמְּחִצָּה וְהַכֹּתֶל הוּא רַק בִּפְנֵי הַמְקַבְּלִים, וְזֶהוּ לָשׁוֹן רַבּוֹתֵינוּ זַ"ל בֵּין יִשְׂרָאֵל לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם **וְלֹא אָמְרוּ בֵּין אֲבִיהֶם לְיִשְׂרָאֵל, כִּי לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ אֵין דָּבָר חוֹצֵץ, כִּי 'גַּם חֹשֶׁךְ לֹא יַחֲשִׁיךְ מִמְּךָ'** (תהילים קלט, יב), וְאַף עַל פִּי כֵן 'הִנֵּה זֶה עוֹמֵד אַחַר כָּתְלֵנוּ מַשְׁגִּיחַ מִן הַחַלּוֹנוֹת מֵצִיץ מִן הַחֲרַכִּים', וּפֵרֵשׁ בְּזֹהַר (בחקותי קיד:) שֶׁהַטַּעַם מִשּׁוּם דִּכְתִיב (ויקרא כו, יא) 'וְנָתַתִּי מִשְׁכָּנִי בְּתוֹכְכֶם', 'מִשְׁכָּנִי' דָּא שְׁכִינְתָּא וּמַשְׁכּוֹנִי דִּלְיָהּ גַּבֵּייכוּ, **וְאַף גַּם זֹאת בִּהְיוֹתֵנוּ בַּגָּלוּת שְׁכִינָה עִמָּהֶם.**"

**ג]** זע דאס מורא'דיגע לשון פונעם ספה"ק מאור עינים (לך לך ד"ה בגמרא) וזל"ק:

"לָזֶה נִתְּנָה תּוֹרָה לְיִשְׂרָאֵל שֶׁיִּהְיוּ בַּמַּדְרֵגוֹת הָאָבוֹת שֶׁהֵן מֶרְכָּבָה אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, וַאֲנַחְנוּ בְּנֵיהֶם נֵלֵךְ בְּעִקְבוֹתֵיהֶם לְהַמְשִׁיךְ אוֹר עַצְמוּת אֵין סוֹף בְּקִרְבֵּנוּ, עַד שֶׁנִּזְכֶּה לִהְיוֹת בְּחִינַת כִּסֵּא אֵלָיו יִתְבָּרַךְ עַל יְדֵי שֶׁיִּשְׁכֹּן בִּלְבָבֵינוּ מֵחֲמַת שֶׁלֹּא נַפְסִיק מִדְּבִיקוּתֵנוּ בּוֹ יִתְבָּרַךְ, וְאִם יֶאֱרַע ח"ו אֵיזֶה עָוֹן נִפְסַק מִשָּׁרְשׁוֹ חֵי הַחַיִּים יִתְבָּרַךְ כִּי 'אָדָם אֵין צַדִּיק בָּאָרֶץ' וְגוֹ' (קהלת ז, כ), **יֵשׁ תַּקָּנָה לָשׁוּב אֵלָיו יִתְבָּרַךְ עַל יְדֵי תְּשׁוּבָה גְּמוּרָה בְּלֵב שָׁלֵם לָשׁוּב לְשָׁרְשׁוֹ חֵי הַחַיִּים יִתְבָּרַךְ**, וְעַל יְדֵי זֶה זוֹכֶה לִהְיוֹת בְּחִינַת כִּסֵּא אֵלָיו יִתְבָּרַךְ לְהַמְשִׁיךְ אוֹר אֵין סוֹף בִּלְבָבוֹ וְלִהְיוֹת דָּבוּק בּוֹ... וְזֶהוּ 'שׁוּבָה יִשְׂרָאֵל עַד ה' אֱלֹקֶךָ', כִּי עַל יְדֵי הַתְּשׁוּבָה תִּזְכֶּה עַד שֶׁה' יִהְיֶה אֱלֹקֶךָ שֶׁיְּצַמְצֵם אֱלָקוּתוֹ לִשְׁכֹּן בִּלְבָבְךָ, וְתִזְכֶּה לִהְיוֹת בְּחִינַת כִּסֵּא אֵלָיו יִתְבָּרַךְ בִּבְחִינַת הֲדוֹם רַגְלָיו מַדְרֵיגָה הַתַּחְתּוֹנָה שֶׁגַּם שָׁם יְהִי בְּחִינַת הַכִּסֵּא שֶׁהוּא הַדְּבִיקוּת בּוֹ יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ."

זע אויך דאס לשון פון ספה"ק דגל מחנה אפרים (כי תשא ד"ה עוד) וזל"ק:

"עוֹד יֵשׁ לְפָרֵשׁ פְּסַל לְךָ שְׁנֵי לוּחוֹת וְגוֹ' אֲשֶׁר שָׁבַרְתָּ וְגוֹ' וֶהְיֵה נָכוֹן לַבֹּקֶר וְגוֹ'. יֵשׁ בָּזֶה רֶמֶז עַל דֶּרֶךְ הַיָּדוּעַ כִּי כָּל בָּר יִשְׂרָאֵל יֵשׁ לוֹ שֹׁרֶשׁ וְאוֹת בַּתּוֹרָה, עַל דֶּרֶךְ אוֹרַיְתָא וְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וְיִשְׂרָאֵל חַד אִנּוּן (זהר אחרי רעג:), וּכְשֶׁאֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל חוֹטֵא ח"ו הוּא פּוֹגֵם בְּאוֹתוֹ אוֹת שֶׁבַּתּוֹרָה אֲשֶׁר אֲחִיזָתוֹ בָּהּ וּמַחְשִׁיךְ אוֹרָהּ, וּכְשֶׁחוֹזֵר בִּתְשׁוּבָה הִיא חוֹזֶרֶת לִמְקוֹמָהּ הָרִאשׁוֹן לְהָאִיר אוֹרָהּ שֶׁל תּוֹרָה מֵחָדָשׁ. וְהוּא שֶׁרִמֵּז כָּאן אַחַר שֶׁחָטְאוּ יִשְׂרָאֵל בָּעֵגֶל, וְיָדוּעַ שֶׁהַפְּגַם נִמְשָׁךְ לְמַטָּה גַּם כֵּן כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שמות לב, ז) 'לֶךְ רֵד כִּי שִׁחֵת עַמְּךָ', וְזֶהוּ 'פְּסָל לְךָ שְׁנֵי לוּחוֹת אֲבָנִים' הַיְנוּ אוֹתִיּוֹת וְתֵבוֹת אֲשֶׁר הָיָה מִקֹּדֶם אֲשֶׁר שָׁבַרְתָּ וְקִלְקַלְתָּ וְכוּ', תִּרְאֶה לִבְנוֹת וּלְתַקֵּן מֵחָדָשׁ אוֹר הַתּוֹרָה וְהָאוֹתִיּוֹת, וְזֶהוּ 'פְּסָל לְךָ' דַּיְקָא בָּךְ בְּעַצְמְךָ, הַיְנוּ שֶׁיָּאִירוּ בָּךְ הָאוֹתִיּוֹת כְּמִקֹּדֶם הַחֵטְא, וְהוּא שֶׁרִמְּזוּ חֲזָ"ל בְּאָמְרָם (נדרים לח.) הַפְּסֹלֶת יִהְיֶה שֶׁלְּךָ כִּי יָדוּעַ (יומא פו:) הַשָּׁב מֵאַהֲבָה זְדוֹנוֹת נַעֲשׂוּ לוֹ כִּזְכִיּוֹת, וְהוּא שֶׁאָמַר הַפְּסֹלֶת הָיְינוּ זְדוֹנוֹת שֶׁהֵם מִצַּד עֲכִירוּת הַקְּלִפָּה יִהְיֶה גַּם כֵּן שֶׁלְּךָ שֶׁתַּכְנִיסֵם לַקְּדֻשָּׁה עַל יְדֵי תְּשׁוּבָה מֵאַהֲבָה וְכוּ'."

> **יא, דער וועג האט זיך פארלענגערט, און זיין טאטע איז טאקע ווייט געווארן פון אים, אבער דער טאטע איז געבליבן אויפ'ן זעלבן פלאץ, מיט דער זעלבער ליבשאפט ווי פריער.**

## וואס ברענגט דעם מענטש צו יאוש?

"אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא", יעדער מענטש קען דורכפאלן, און **יעדער מענטש פאלט אמאל דורך.** אבער נאכ'ן דורכפאלן דארף מען טון איין זאך: תשובה טון, זיך צוריקקערן צום אויבערשטן, כאטש דער וועג איז יעצט לענגער און שווערער. אבער אסאך מאל זעט מען אז א מענטש פאלט אריין אין חטאים, און אפילו ער זעט שוין איין דעם אמת אז דאס האט אים נאר געברענגט צרות יגון ואנחה – פונדעסטוועגן גייט ער טיפער און טיפער אין דעם זומפ.

פארוואס זאל א מענטש נישט תשובה טון, כאטש ער זעט שוין דעם טעות פון זיינע מעשים? די הויפט סיבה איז ווייל ער זאגט צו זיך אליין, "קוק ווי שמוציג איך בין... דער אויבערשטער דארף מיך שוין זיכער נישט... לאמיר זיך נישט נארן, איך גיי אים נישט גליקליך מאכן מיט מיין עבודה..."

לאמיר זיין אויפריכטיג, זאגט דער הייליגער רמב"ם, אויב גייסטו אזוי זאגן וועסטו דאס פילן. זיי זיכער אז דו גייסט זיך באמת שפירן ווייט פונעם אויבערשטן, דו וועסט באקומען כאילו ווי א באשטעטיגונג פון הימל אז דו ביסט גערעכט.

אבער, דאס האסטו **זיך אליין** אנגעווערטשאפט. ווייסט וויאזוי? ווייל **דו האסט געזאגט** "אין אלקי בקרבי"! דער אויבערשטער דארף **מיך** נישט, **מיין עבודה** איז אים נישט אינטערעסאנט. האסט דאס נישט געדארפט זאגן, ווייל עס איז נישט אמת! און עס איז נאך אלץ נישט אמת, דער אויבערשטער איז יא מיט דיר.

## דעק אויף דיין הסתר פנים

לאמיר זיך איינ'חזר'ן איינמאל און נאכאמאל. דו קענסט יעדע רגע מחליט זיין אז דער אויבערשטער איז יא מיט דיר, און דו וועסט נאכאמאל שפירן אז דער אויבערשטער איז מיט דיר. ווייל דיינע גרעסטע חטאים קענען נישט גורם זיין קיין שום שינוי אינעם אויבערשטן, און דעריבער קען זיך נישט טוישן זיין אומבאגרייפליכע ליבשאפט צו יעדן איד **באשר הוא שם!** זיין אהבה צו דיר האט זיך קיין ברעקל נישט געטוישט נאכ'ן זינדיגן, נאר **דו** האסט פארטונקלט דיינע אויגן דאס צו קענען זען... דעק נאר אויף דיינע אויגן, וואש זיך אפ, טו תשובה, וועסטו גלייך זען ווי נאנט ער איז צו דיר און ווי שטארק ער גלוסט אויף דיין עבודה – יא, טאקע **דיינס!**

[זע תוספת נופך אות ג']

ווען א איד איז מכיר אז זיין "חלק אלוקי ממעל" בלייבט געגוי דער זעלבער אפילו נאכ'ן זינדיגן, און ער געדענקט אז **"יש אלקי בקרבי"**, וועט ער זיך קיינמאל נישט שפירן קיין פארפאלענער. אדרבה, ערשט נאכ'ן זיך דערווייטערן וועט ער טון וואס ער קען נאר זיך צוריק צו דערנענטערן צום הייליגן שורש וואס געפינט זיך אין אים, וואס איז למעשה נישט גערירט געווארן קיין האר. און **ווי מער ער וועט גלייבן דערין, וועט ער באקומען ווי א באשטעטיגונג פון הימל: מיין טייער קינד, גערעכט ביסטו,** דער אויבערשטער איז טאקע אין דיר! און ער וועט זוכה זיין צו שפירן א געוואלדיגע נאנטקייט צום אויבערשטן (יושר דברי אמת אות כ"ה; דגל מחנה אפרים פרשת בלק ד"ה עוד; מאור עינים ליקוטים ד"ה כתיב בכל דרכיך; אוהב ישראל תחילת פרשת שמות; קדושת לוי איכה ד"ה או יבואר השיבנו).

# חסיד'יש גערעדט...

תמצית החידושים ומושגים בחסידות שלמדנו במאמר זו

- **די נאנטקייט צום באשעפער ווענדט זיך אינעם מענטשנ'ס מחשבה. וויפיל א מענטש טראכט פונעם באשעפער, אזוי נאנט וועט ער זיך שפירן צו אים.**
- אפילו ווען א מענטש זינדיגט און שפירט ווייט פון באשעפער, איז דער באשעפער גארנישט ווייט געווארן, נאר דער מענטש האט זיך אליין דערווייטערט.
- **דער באשעפער'ס ליבשאפט צום מענטש טוישט זיך קיינמאל נישט, ווייל ביים אויבערשטן איז נישט שייך קיין שינוי.**
- ווען א מענטש טראכט אז "אין אלקי בקרבי", אז דער באשעפער איז נישט אין אים, דאס אליין ברענגט אויף אים א הסתר פנים.
- **דער גרעסטער אפהאלט פון תשובה איז אז עס דאכט זיך פאר'ן מענטש אז דער אויבערשטער וויל אים מער נישט האבן.**
- א מענטש טאר קיינמאל נישט אויפגעבן, ווייל זיין נשמה, דער חלק אלוקי ממעל, בלייבט אייביג ריין און הייליג, און דער באשעפער ווארט שטענדיג אויף אים.
- **א מענטש זאל אויפנעמען די הסתר פנים וואס ער שפירט, ווי א סיגנאל פון הימל אז ער זאל זיך צוריקקערן צום ריכטיגן וועג.**

מכון שפה ברורה

ארויסגעגעבן דורך
**מכון שפ"ה ברורה**
פאר הערות והארות, אדער צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל
ביטע שיקט אן אימעיל צו:
beheichala@gmail.com

**ההפצה ב'בארא פארק'**
נתנדב ע"י ידידינו העומד תמיד לימינינו
מו"ה **אליעזר דוד חיימאוויטש** הי"ו
לע"נ הרה"ח ר' אברהם מאיר ב"ר שרגא פייש ז"ל